יצחק־יואל לינעצקי
דאס חסידישע יינגל
(= די 2טע אויסגאבע פונעם "פוילישן יינגל")
ווין 1921 (לויט ווילנער 1897)

אבער ניט מיט'ן קינפעט אליין בין איך שוין אָבגעקו־
מען: נאַ דיר איין אַלטע מכשפה, אַ באָבע אויף מיין קאָפּ!
3 — 4 מאָל אַ טאָג האָט זי מיר, ווי אַ פּאָמאַניק, ווי איין גע־
ווילניק, געבוגדרען הענד און פּיס ארונטער, געשטיקט אין אַ קי־
שען ווי דעם אתרוג אין קלאָטשע, כמעט אַלע מינוט אויף מיר
געבלאָזען, געשעפּטשעט און געגענעצט, און אַז איך האָב
אויף איהר קוקענדיג, אויך אַ געגעץ געטוהן, פלעגט זי מיר
אָנשפּייען אַ פול מויל... און אַז איך בין שוין די אַלטע
מכשפה, צוזאַמען מיט'ן שלישי למילה פּטור געוואָרען, האָט
זיך אָנגערוקט נייע צרות, נייע שרעקען: אַז ס'האָט מיר גערי־
זשעט אין בייכעל, צי געפרייעט די היץ, צי געביסען אַ פלוי,
אַ וואַנץ, און איך פלעג געבען אַ וויין טוהן פאַר וועהטאָג,
האָט מיר די מאַמע אָדער דאָס דינסט־מיידעל אַזוי אָנגעהויבען
קאַרוטשען אין קישען, אַז שיער האָבען זיך מיר אַלע
וויאַזעס אויסגעקרימט, און די געהירען איבערגעקעהרט. און שוין
גאָר אין בעסטען פאַל, האָט מען מיר דאָס מויל פערשטאָפּט
מיט דער ברוסט, אַז איך בין ז שיער דערוואָרגען געוואָרען; נאָך
גוט, וואָס די ברוסט, אַז די מאַמע פלעגט אָבער אוועקגעהן
אשת־חיל'ן אין קראָם, פלעגט מען מיר גאָר פערשטאָפּען דעם
פּיסק מיט עפּעס אַ קויטיג־זיסלעך שמאַטקעלע, מיט וועלכען
איך פלעג מיר אָבווערגען שעה'ן־וויז כסדר. — צו 2 חדשים
אַלט, האָט מען מיר שוין אַריינגעלעגט אין אַ וויגעלע, — אי
דאָס האָב איך די זכיה ניט געהאַט זיך צו לעגען אין דעם,
ביז מ'האָט ניט פריהער אויסגעווינט אַ קאַץ — נו? אין וויגעלע
וואָלט שוין אפילו נישט קשה געוועזן, כ'ילעבען: מ'שאָקעלט זיך,
מ'הוידעט זיך, אודאי איז דאָס בעסער ווי צו ליגען אַ קליטפּע
אין קישען — גאָר ווי פאַר איך הנאה האָבען פון מיין פער־